אין אידיש
גליון שבועי לעילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

פרשת וישב תשפ"ה / גליון קט"ז

0722 531 385

מערכת "קול דודי"
א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן
אין אמעריקע
605.313.6695
אין אייראפע
033.0551.7811
א לעכטיגן חנוכה
שיעורי הכנה לחנוכה
מפי חשובי המשפיעים שליט"א
אויף נומער 9 און נומער 30

הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל"ט
ספה"ק **מאור עינים** (ויצא)

| יום | מד"ה |
|---|---|
| ראשון | והדעת היא התכללותן |
| שני | ונמצא כיון שנתעלה |
| שלישי | וכל זה על ידי שנותן |
| רביעי | ונודע שסוד הדעת |
| חמישי | וגם כן פעולה נעשה עד ד"ה ואז על ידי ששב |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש'ליכן קונטרס
ביי אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624

## חסיד'יש גערעדט

### א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# פארוואס פונקט יעצט?!

**בלויז נעכטן איז דאס געווען, ווען ער האט באוויזן אזא מסירות נפש פארן אויבערשטן מיט אזא שמחה, ער איז געווען זיכער אז אין דעם זכות וועט ער אנקומען צו נאך א גרעסערע עשירות, און דא, כּאָממס...**

מיט הייליגע געפילן און א שטורמיש הארץ האט ער אראפגעלייגט דעם סמארטפאן אויפן באנק, אויפגעהויבן דעם האמער און עס צוקנאקט אויף פיצלעך... די גאנצע שטוב איז זייער איבערגענומען פון גרויס פרייד, די 'שמחה של מצוה' האט נאכגעפאלגט מיט א ספעציעלן נאכטמאל וואס מען האט זיך געוואשן צו א 'סעודה של מצוה' וואס דער טאטע האט געפראוועט לכבוד דעם פרייליכן געשעעניש.

ר' נחום האט דא פארציכטעט אויף א אנגעזעענעם פאסטן מיט א וועכנטליכע איינקונפט פון פינף טויזנט דאלער - וועלכע האט פארלאנגט פון אים, אז ער מוז האבן א סמארטפאן - אלעס בלויז צוליב איין סיבה: ר' נחום וויל זיין אן ערליכער איד, נאנט צום אויבערשטן און צו זיין תורה. און ווי גרעסער דער נסיון - אלץ גרעסער איז די שמחה.

צומארגנס, ר' נחום שטייט אויף מונטער און פריש, ער זעט זיך גיין ווייטער צום ביליגן דזשאב - וואו ער פארדינט נישט אפילו דורכן חודש, וואס ער וואלט דארט פארדינט אין איין וואך. ר' נחום שעפט נחת פון זיך זעלבסט, נישט גלייבנדיג וועלכע 'כוחות הנפש' עס קומען יעצט ארויס פון אים. ער שפירט זיך געהויבן ווי אויף א הויכן בארג, און ער הערט זיך אונטער ווי ער מורמלט זיך אונטער צו זיך אליינס: "מיין קשר צום אויבערשטן, איז מיר וויכטיגער פון זיין אן עושר".

פלוצלינג קלינגט זיין (כשר'ע) טעלעפאן. אויף דער אנדערער זייט רעדט דער אדוואקאט: "איך וויל זיך אנטשולדיגן פאר דיר, איך האב פרובירט דאס בעסטע, אבער עס איז מיר נישט געגאנגען! דער שווינדלער האט געווינען דעם קעיס! דער געריכט האט היינט ארויסגעגעבן זייער אורטייל, אז דער שווינדלער איז גערעכט, דאס מיינט, אז פון היינט אן באלאנגט דיין דירה צו דער באנק...".

דאס הארץ פון ר' נחום איז אראפגעפאלן פון דעם הויכן בארג ביז צום טיפן גרוב... בלויז נעכטן איז דאס געווען, ווען ער האט באוויזן אזא מסירות נפש פארן אויבערשטן, ער האט פארציכטעט אויף א יערליכער פארדינסט פון א פערטל מיליאן דאלער - מיט אזא שטארקייט און שמחה צום באוואונדערן, און ער איז געווען זיכער אז אין דעם זכות וועט ער נאך צום סוף אנקומען צו נאך א גרעסערע עשירות, און דא, באָממס... נישט בלויז אז ער ווערט נישט קיין עושר און באקומט נישט קיין אנגעזעענעם דזשאב, נאר אפילו זיין דאך איבערן קאפ נעמט מען אים אוועק, גענוואלד!

ר' נחום פרעגט נישט 'פארוואס', ווייל 'למה' יאמרו הגוים - א גוי פרעגט 'פארוואס', און א איד לעבט מיט אמונה. אבער דאך שפירט ער אז דער נסיון רייסט פון אים שטיקער. ער איז זיך טאקע מחזק מיט אמונה, אבער ער וואלט פארט געוואלט פארשטיין וואס עס טוט זיך דא. אזוי זיך מתגבר צו זיין אויף א נסיון, און כאפן דערנאך אזא פאטש אין פנים?!

## ער האט אויסגערעכנט די בעסטע צייט פאר דיר

דער 'שפת אמת' אין דער היינטיגער פרשה (תרל"ז) איז אונז מגלה סודות פון חדר... ער איז מסביר צוויי טעמים פארוואס מען זעט צומאל אזא ערשיינונג, אז דוקא נאכן ביישטיין א גרויסן נסיון, און מען מיינט אז אט יעצט וועט זיך עפענען א קוואל פון ישועות אינעם זכות פון דער 'התגברות' - פונקט דעמאלט עפנט זיך א קוואל פון פראבלעמען...

און אזוי שרייבט דער 'שפת אמת': "**יֵשׁ לְהִתְבּוֹנֵן בְּמָה שֶׁסִּבֵּב הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אַחַר שֶׁעָמַד בְּנִסָּיוֹן הֶעָצוּם הַזֶּה, אֲשֶׁר חֲכָמִים הִגִּידוּ כִּי הָיָה גָּדוֹל מִנִּסְיוֹנֵי הָאָבוֹת עַיֵּן שָׁם, וְאַחַר כָּךְ נְתָנוֹ אֲדוֹנוֹ בְּבֵית הָאֲסִירִים?!**". פונקט נאכן ביישטיין אזא נסיון, וועלכע שטייגט אפילו איבער די נסיונות פון די אבות - זעצט מען אים איין אין טורמע?!

ענטפערט דער שפת אמת דעם ערשטן תירוץ: "**וְנֹאמַר בָּזֶה כִּי הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מְסַבֵּב כְּשֶׁצָּרִיךְ לְהַעֲנִישׁ לַצַּדִּיק, יִהְיֶה הָעֹנֶשׁ בְּשָׁעָה אֲשֶׁר זְכוּתוֹ רַב מְאוֹד. כַּאֲשֶׁר מָצִינוּ שֶׁדָּן בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בַּיּוֹם בְּשָׁעָה שֶׁעוֹשִׂין מִצְוֹת, עַיֵּן שָׁם בַּמִּדְרָשׁ עַל פָּסוּק 'יָדִין לְאֻמִּים בְּמֵישָׁרִים'**". עס שטעלט זיך ארויס, אז דאס איז א חסד ה' אז דו זאלסט באקומען דעם עונש אויף דיינע חטאים - דוקא אין דיינע גוטע מינוטן!

לאמיר זיך פארשטעלן א משל: דו האסט געטשעפעט דיין חבר. ווען וואלסטו ענדערש געוואלט אז ער זאל זיך אפרעכענען מיט דיר? בשעת ווען ער איז גערעגט אויף דיר, אדער בשעת ווען דו האסט אים געטון א טובה?! דוכט זיך, אז אויב מען וועט זיך פאר'חשבונ'ען באלד נאכדעם וואס דו האסט אים געשאפט א גרויסן סכום געלט צו דער חתונה פון זיין קינד - וועט דיר דער חשבון אנקומען אסאך לייכטער און שמייכלדיגער.

דער צווייטער תירוץ: "**עוֹד נִרְאֶה כִּי בֶּאֱמֶת הַמַּאֲסָר הָיָה עֹנֶשׁ עַל הַדִּבָּה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, אָמְנָם אַחַר שֶׁבָּא לְנִסָּיוֹן הַזֶּה וְהֻצְרַךְ לְהִתְגַּבֵּר עַצְמוֹ מְאוֹד, עַד שֶׁבָּא לִיסוֹד מַעֲשָׂיו הַטּוֹבִים, וְהֶעֱמִיד עַצְמוֹ לְמַדְרֵגָתוֹ הַטּוֹבָה הַמְיֻחֶדֶת אֵלָיו - אָז נִתְעוֹרֵר בְּיוֹתֵר הַחֵטְא הָרִאשׁוֹן כְּמַאֲמַר שֶׁמְּדַקְדֵּק עִם הַצַּדִּיקִים כְּחוּט הַשַּׂעֲרָה, לָכֵן אָז נֶעֱנַשׁ עַל חֵטְא הַקּוֹדֵם. וְכֵן בְּכָל אָדָם כְּפִי מַה שֶּׁמְּתַקֵּן עַצְמוֹ - צָרִיךְ אַחַר כָּךְ לְתַקֵּן מַעֲשָׂיו הָרִאשׁוֹנִים**".

דוקא ווען יוסף הצדיק איז בייגעשטאנען דעם גרעסטן נסיון - וואס אט דאס האט אים געמאכט פאר א 'יוסף הצדיק', 'יסוד מעשיו הטובים', דוקא ווען ער איז אנגעקומען 'למדרגתו הטובה המיוחדת אליו', דוקא ווען ער שטייט ביים שוועל פון ווערן דער 'משנה למלך' און איינער פון די 'שבעה רועים' - דוקא דעמאלט מוז ער פאררעכטן אויך די אלטע זאכן פונעם עבר! דער איצטיגער עונש טוט בלויז ווינקען אויף עפעס גאר גאר גוט וועלכע איז שוין אונטערן טיר און קומט שוין אט אט. דוקא ווען דו שטייגסט גאר הויך, און דו ביסט שוין אנגעגרייט אנצוקומען צו עפעס פיל העכערס - דארפסטו אפצאלן די קליינע חובות, וואס אינעם פארגאנגענהייט האט מען זיך נישט גערעכנט דערמיט אזוי ווייט.

> **ר' נחום פרעגט נישט 'פארוואס', אבער דאך שפירט ער אז דער נסיון רייסט פון אים שטיקער: אזוי זיך מתגבר צו זיין אויף א נסיון, און כאפן דערנאך אזא פאטש אין פנים?!**

## אנשטאט זיך קלאפן אין פלייצע - זיך קלאפן אויפן הארץ 'חטאתי'

ברוך השם מיר זיצן נישט אין א פינסטערע טורמע צעל... אבער צומאל ארעסטירט מען אונז אין אזא סארט מצב וועלכע זעט אונז אויס פינסטערער פון א תפיסה, שמאלער פון א טורמע-צעל און דיקערע קייטן ווי די טורמע קייטן... אבער איינמאל די צדיקים זענען אונז מגלה וואס עס טוט זיך דא פון הונטער די קוליסן - ווערן מיר געוואויר, אז דוקא אט דער טיפער הסתר איז אונז מגלה דעם גרעסטן אור.

המשך אין עמוד ב

# א מצב פון הלל

## וועלכע נקודה פון חנוכה קען מען מיטנעמען אויף א גאנץ יאר? • וואס איז די חילוק צווישן 'זאגן' הלל מיטן 'שפירן' הלל?

**אברהם יצחק:** מיר האלטן ממש פאר חנוכה, כ'מיין אז מ'דארף אנהייבן רעדן דערפון.

**משפיע:** אוודאי, אז מ'הערט נאר דאסווארט 'חנוכה' ווערט גוט אויפן הארץ, די הייליגע ליכט זענען מעורר די נשמה, אזוויוי דער הייליגער רבי ר' הערשעלע רימאנובער זי"ע האט געזאגט, אז דער לאנגער ווינטער איז אזוויוי א גרויסע, פינסטערע וואלד, וויבאלד פון נאך תשרי איז נישטא קיין יום טוב דאורייתא ביז זומער, און אינמיטן וואלד זעט מען פלוצלונג א ליכטיגקייט פון א הויז פונדערווייטנס, און דאס הארץ ווערט אנגעפילט מיט האפענונג און שמחה. דאס זענען די חנוכה ליכט וואס דערלייכטן דאס הארץ און נשמה אין דעם טונקעלן גלות. אבער וואס ווילסטו הערן אויף חנוכה?

**אברהם יצחק:** ס'מאכט נישט אויס... דער עיקר איז באקומען א התעוררות פאר חנוכה.

די מהות פונעם גאנצן טאג ווערט איין שטיק הלל און הודאה, און כאטש מ'זאגט הלל בלויז איינמאל אין טאג, איז עס פשוט דער ארויסברענגען די הלל מיטן מויל, אבער די הרגשים און 'מצב' פון הלל והודאה דארפן אנגיין א גאנצן טאג

**משפיע:** כ'האב נישט קיין פראבלעם אנצוהייבן 'ווארפן' אלע מיני תורות אויף חנוכה... דאס ווילסטו? אויב יא, קענסטו דאך אליינס נעמען א קדושת לוי, בני יששכר אדער א מאיר עיני חכמים און זיך מתעורר זיין...

**אברהם יצחק:** עה. כ'האב נישט דאס געמיינט... כ'וויל צונעמען א נקודה אין עבודת ה' כדי כ'זאל קענען לעבן דערמיט א גאנץ חנוכה.

**משפיע:** און כ'וואלט צוגעלייגט - און זאלסט עס קענען מיטנעמען אויף א גאנץ יאר.

**אברהם יצחק:** גערעכט. שוין, לאמיר הערן א נקודת עבודה מיט וואס כ'וועל קענען לעבן גאנץ חנוכה און אויך נשפע ווערן א גאנץ יאר דערפון.

### א גאנצן טאג הלל?

**משפיע:** פיין, לאמיר זיך נעמען צו איין נקודה, בעז"ה. פון די יסודות'דיגסטע ענינים פון חנוכה איז 'הלל והודאה', אזוויוי חז"ל זאגן "קבעום בהלל והודאה", דאס הייסט אז דער אור פון חנוכה ווערט 'נקבע' אין אונז דורך הלל והודאה, דאס איז די עבודה פון חנוכה.

**אברהם יצחק:** וואס, מ'גייט רעדן פון די עבודה פון זאגן הלל און על הנסים, און אז מ'דארף עס זאגן בכוונה און התלהבות?! כ'וויל דאך הערן א נקודה וואס איז נוגע די עבודה פונעם גאנצן טאג!

**משפיע:** דעריבער האט איך דיר נאכגעזאגט דעם לשון פון חז"ל 'קבעום בהלל והודאה', וואס באדייט, אז די עצם חנוכה ווערט נקבע אין אונז דורך הלל והודאה. ווען מ'זאגט הלל ווי מ'דארף, מ'באלעבט דעם ענין פון הלל והודאה, איז דאס משפיע אויפן גאנצן טאג. די מהות פונעם גאנצן טאג ווערט איין שטיק הלל און הודאה, און כאטש מ'זאגט הלל בלויז איינמאל אין טאג, איז עס פשוט דער ארויסברענגען די הלל מיטן מויל, אבער די הרגשים און 'מצב' פון הלל והודאה דארפן אנגיין א גאנצן טאג.

**אברהם יצחק:** אה, דער משפיע זאגט דא נייע ווערטער. וואס מיינט 'דער מצב פון הלל דארף אנגיין א גאנצן טאג'? און בכלל, וואס מיינט א 'מצב' פון הלל? וואספארא סארט מצב איז דאס? כ'שפיר אז ס'ליגט דא א נקודה...

**משפיע:** צוערשט לאמיר דיר זאגן, אז זאגן הלל ווי מ'דארף מיינט נישט אז מ'עפנט א סידור און מ'זאגט די ווערטער, מ'זינגט די ניגונים וואס יעדער זינגט, ביז מ'איז פארטיג... אמת'ע הלל מיינט אז דער מענטש האט **א געפיל** פון הודאה און געזאנג צום אויבערשטן, וואס קומט פון א הכרה אין חסדי ה', א הכרה אין די טובות וואס השי"ת האט געטון מיט אונז, און וויפיל חסדים ליגט אין יעדע גוטס וואס מיר האבן - און די געפילן דריקן זיך אויס ביים זאגן הלל. דאס איז א ריכטיגע הלל, און פון די הרגשים קומט ארויס די שירה וזמרה ביי הלל. דאס הייסט אז ס'איז דא א געוויסער **מצב** פון 'הלל' אין א מענטש'ס הארץ, און דער מצב דארף קאכן א גאנצן טאג, פשוט מ'דריקט עס אויס מיטן מויל ביים זאגן הלל.

**אברהם יצחק:** כ'האב בערך פארשטאנען. אבער יעצט וויל איך בעסער פארשטיין, וויאזוי לייגט מען זיך טאקע אריין אין דעם מצב? און בכלל, דער משפיע זאגט אז די פינטל איז אז דאס הארץ איז פיל מיט לויב אויף חסדי ה', אבער ס'האט לאו דווקא מיט חנוכה, ווייל השי"ת טוט שטענדיג חסדים מיט אונז...

### א צייט צו אנערקענען חסדי ה'

**משפיע:** גערעכט, א גאנץ יאר דארף מען שפירן די געפילן, אבער חנוכה איז א זמן מסוגל צו מעורר זיין דאס הארץ עס צו שפירן, און די געפילן דארף אונז טאקע באגלייטן א גאנץ יאר. אבער דער כח עס צו מעורר זיין - איז פון חנוכה.

**אברהם יצחק:** פארוואס? וואס האט דער נס פון די מנורה מיט די געפילן?

**משפיע:** קוק, די נושא האט אסאך טיפקייטן, זעה נאר אין די ספרי חסידות וואס זענען פארנומען צו מסביר זיין די נסים פון חנוכה, ס'איז דא אן א שעור מהלכים דערין. אבער אין אמת'ן אריין מאכט עס נישט אויס אויף וועלכע נקודה מ'שטעלט זיך אדער וועלכער ספר מ'לערנט, אן עיקר אז די תוצאה איז א טיפע געפיל פון הודאה און שירה וזמרה צום אויבערשטן! דאס הייסט, מ'קען זיך מתבונן זיין אין אסאך פרטים: די מורא'דיגע ליכטיגקייט פון אור הגנוז, נצחון המלחמה, דער אור 'למעלה מן הטבע' וואס איז מרומז אין די מספר 'ח', די ליבשאפט וואס השי"ת האט געוויזן פאר כלל ישראל און ווי ער וויל אונזערע הדלקת נרות, די חביבות פון 'טהרה' וואס איז נתגלה געווארן ביים נס, די אמונה פשוטה וואס איז מנצח חכמת יון, או"ו פארשידענע מורא'דיגע ענינים פון חנוכה - אלעס קומט ארויס אין הארץ מיט א הרגשה פון הלל לה'. און דאס האבן חז"ל געמיינט 'קבעום בהלל והודאה', אז די וועג וויאזוי די הארות פון חנוכה ווערן נקבע אין אונז, איז דוקא דורך הלל והודאה.

דעריבער איז פשוט אז מ'דארף זיך אפשטעלן אריינצוטראכטן אין די זאכן, און חסיד'ישע ספרים העלפן אונז אריינצוגיין אין די מהות פון די נסים וואס השי"ת האט געטון, און ס'איז מעורר דאס הארץ צו שפירן וויפיל אור און שפע קומט דורך די נסים אויף אונז, און דורכדעם ווערט נתעורר דאס הארץ צו הודאה לה'.

**אברהם יצחק:** הייסט עס אז חנוכה איז נישט נאר א צייט צו דאנקען אויף די נסים פון חנוכה, נאר ס'איז א צייט וואס מאכט אז אונזער הארץ זאל שפירן אלע חסדים

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

די תורה הקדושה דערציילט אונז איבער יוסף'ס ארעסט - באלד נאכן ביישטיין דעם גרויסן נסיון, כדי אונז אויסצולערנען אט דעם בליק: צומאל קען זיין, אז דוקא נאכדעם וואס דו האסט זיך אנגעשטרענגט און געשטיגן - איז דער פאסיגער זמן דיר מעניש צו זיין! ווייל יעצט וועט זיך דאס בעסער לוינען פאר דיר! און דאס איז בלויז איין קליין 'דוגמא' צו זען ווי ווייט מיר האבן נישט קיין השגה אינעם אויבערשטנ'ס חשבונות, ווי ווייט עס איז 'לית מחשבה תפיסא ביה כלל'.

מיר גלייבן באמונה שלימה אז דער אויבערשטער איז 'גומל טוב לשומרי מצותיו', און אויב זעט עס אויס פארקערט חס ושלום - האבן מיר דא א דוגמא ווי טיף דעם אויבערשטנ'ס פלענער גייען, אלעס, כדי עס זאל אויסקומען בעסער פארן מענטש. און אויב האסטו באקומען א פאטש פון אויבן - נעם עס נישט אן אלס 'התרחקות', כאילו דער אויבערשטער ווייזט דיר אז ער וויל דיר נישט, ניין! פארקערט, דער אויבערשטער ווייזט דיר אז דו ביסט אויפן וועג צו א גרויסע ישועה! דו וועסט נאך אנקומען צו א געוואלדיגע ישועה וואס דו האסט זיך אפילו נישט געווינטשן.

וועט איינער פרעגן: איך וויל זיך נעמען שטייגן העכער און בייקומען מיינע נסיונות, אבער קיין פעטש וויל איך נישט כאפן... נו, וואס טוט מען דא?! אויף דעם ענטפערט דער 'שפת אמת': "**וּמִזֶּה יִקַּח אָדָם קַל וָחֹמֶר שֶׁלֹּא לָבוֹא חַס וְשָׁלוֹם לִידֵי גַּבְהוּת בַּעֲשׂוֹת אַחַת מִמִּצְוֹת הַשֵּׁם כָּרָאוּי, רַק יִפֹּל עָלָיו יוֹתֵר פַּחַד, בִּהְיוֹתוֹ מְיַשֵּׁר עַצְמוֹ לְבַל יִתְעוֹרֵר עָלָיו עֹנֶשׁ מִמַּעֲשָׂיו הַקּוֹדְמִים**". אויב ווילסטו נישט כאפן קיין פעטש אויף אלטע זאכן, זאלסטו נישט ווערן אריינגעשלעפט צו טראכטן גאוה'דיגע מחשבות 'איך האב געטון', 'איך האב זיך געשטארקט', 'איך האב מצליח געווען'. פארקערט, יעצט איז דער צייט זיך אויסצוגראדן! יעצט איז די צייט צו תשובה טון אביסל אויף אלטע זאכן - וואו די שטויב האט זיך שוין געזעצט...

בכלליות וואס השי"ת טוט מיט אונז, ס'מאכט א 'כלליות'דיגע מצב' פון הלל והודאה! יעצט כאפ איך אז אייגנטליך ווערט נישט דערמאנט נס חנוכה אין גאנץ הלל! חנוכה דאנקען מיר השי"ת בכלליות אויף די טובות וואס ער טוט מיט אונז. אבער יעצט וויל איך צוריקגיין צו מיין פראגע.

איך פארשטיי אז די מהות פון חנוכה נעמט זיך פון נס חנוכה, אבער וואס איז טאקע די שייכות? וואס האט דער נס מיטן געפיל פון הודאה לה'?

## מלחמה אן קיין אייגענע כח

**משפיע:** פרעגסט דאך גוט. איז ווי געזאגט, מ'קען עס מסביר זיין אויף מערערע אופנים, אבער לאמיר אנכאפן איין נקודה און דערלייכטן דאס הארץ דערמיט.

חנוכה איז צוזאמגעשטעלט פון צוויי נסים: דער נס פון נצחון המלחמה און דער נס פון נרות המנורה. דער צד השווה פון די צוויי נסים איז, אז פון אונזער זייט קענען מיר גארנישט און נאר השי"ת מיט זיין גרויסע אהבה האט זיך באוויליגט אין אונז! דאס איז פשט פון 'הלל והודאה'! הודאה מיינט אז ס'קומט מיר נישט, ווייל ווען ס'וואלט מיר געקומען וואלט איך נישט געדארפט דאנקען דערויף. קומט אויס אז הודאה איז אן אנערקענונג אז כ'האב נישט קיין אייגענע זכות און דער צווייטער טוט מיר די טובה בלויז פון זיין זייט. אמת'ע הודאה לה' איז ווען מ'אנערקענט אז מיר האבן נישט קיין אייגענע כח, און אז אלעס וואס מיר האבן איז נאר פון אים. און אט די הכרה ברענגט נאך א הכרה אז מיר האבן א באשעפער! און א הכרה אז השי"ת האט אונז ליב, ער האט אונז דערהויבן העכער אלע כוחות הטבע און אונז דערלויכטן זיין אור.

**אברהם יצחק:** האב מיר פארשטאנען וואס מיינט הודאה, ב"ה. אבער וויאזוי ליגט דאס אין די צוויי נסים פון חנוכה?

**משפיע:** ווען מ'איז זיך מתבונן אין די נסים זעט מען, אז די חשמונאים זענען ארויס אין קריג אנקעגן טויזנטער מעכטיגע סאלדאטן, וויאזוי איז זיי בכלל איינגעפאלן אנצוהייבן אזא פארלוירענע קריג? וואס האבן זיי געטראכט? דער ענטפער איז, מחשבות פון 'צאל' און 'מאכט' קומט נאר ווען מ'האלט אז מ'האט אן אייגענע כח, מ'האט א מהלך וויאזוי צו געווינען די מלחמה און דערפאר נעמט מען אין באטראכט אקעגן וועמען מ'קריגט זיך, וויפיל קרעפטן ער האט, אא"וו.

אבער די חשמונאים זענען געווען פולקאם קלאר ביי זיך אז זיי האבן נישט קיין שום אייגענע כח, און זיי האבן מגלה געווען אין אידישע הערצער און צו די וועלט אז אידן זענען העכער טבע און זענען אינגאנצן אין א בחינה פון מסירת נפש, דאס הייסט, זיי זענען גרייט זיך אינגאנצן איבערצוגעבן פאר השי"ת היות זיי האבן נישט קיין אייגענע מציאות. און ווען זיי האבן געזיגט, איז נתגלה געווארן אז טאקע דאס איז די מציאות - ס'איז נישטא קיין טבע, און מיר אנערקענען אז מיר האבן נישט קיין אייגענע כח און דווקא דערפאר האבן מיר די שטערקסטע כח אין די וועלט, מער פון אלע כוחות הטבע! ווייל מיר זענען מקושר און דבוק אין אן אמת'ע כח למעלה מן הטבע - די כח פון בורא וואס איז מחיה ומהווה די גאנצע טבע מאין ליש.

**אברהם יצחק:** און וואס איז מיטן נס פון נרות המנורה נאך די נצחון?

**משפיע:** קודם כל, די נצחון איז 'נתגלה' געווארן אין די נרות, ווייל דעמאלטס האט השי"ת געוויזן בחוש ווי די ליכט ברענען אויף אן אומנאטורליכן אופן. די מלחמה אליינס וואלט מען נאך געקענט אריינשטופן אין דרך הטבע, אזויווי ס'איז מבואר אין די פוסקים און מפרשים, און ביי די נרות האט אונז השי"ת געוויזן אז ס'ברענט למעלה מדרך הטבע. אבער נאך מער ווי דעם, זענען די ליכט מגלה ווי שטארק השי"ת וויל אונז, און נישט נאר אונז, נאר אויך אונזער עבודה 'בטהרה', אזוי ווייט אז ער האט געמאכט אזא נס אז די ליכט האבן געברענט אכט טעג כאטש מ'האט געקענט נוצן 'שמן טמא' אלס 'טומאה הותרה בציבור', אבער דער אויבערשטער האט אונז געוויזן וויפיל ער האט מער ליב אונזער עבודה בטהרה. בקיצור, אין דעם נס האט מען געזען בחוש אז השי"ת וויל אונז און האט אונז ליב.

**אברהם יצחק:** אינטערעסאנט, די 'נר מערבי' האט דאך שטענדיג געברענט בדרך נס...?

**משפיע:** טאקע ווייל 'נרות' טוען בכלליות ווייזן וויפיל השי"ת וויל אונז, אזויווי חז"ל זאגן "עדות היא שהשכינה שורה בישראל", און דעריבער ווערט שטענדיג נתגלה אן אור למעלה מדרך הטבע דערין. און דערפאר, נאכן נצחון ווען די חשמונאים האבן זיך מוסר נפש געווען העכער טבע, האט השי"ת באוויזן זיין 'למעלה מדרך הטבע'דיגע' ליבשאפט צו אונז און דווקא אין די ליכט, וועלכע ווייזן שטענדיג אויף השראת השכינה. נישט נאר דאס, השי"ת האט אונז באוויזן וויפיל ער וויל אונז אפילו אין א מצב מושפל פון כלל ישראל, דער בית המקדש איז נטמא געווארן, און כלל ישראל איז געווען פארזינקען אין גלות יון וואס האט 'מחשיך געווען עיניהם של ישראל' מיט גזירות און שמדות, ביז ס'איז כמעט נישט געבליבן קיין שריד ופליט ח"ו. און דווקא אין דעם מצב האט אונז השי"ת באוויזן און באלויכטן זיין וואונדערליכע חביבות צו אונז, למעלה מדרך הטבע, און דאס לייכט אין אונז ביז היינט.

ווען א מענטש איז זיך מתבונן אין דעם און אין די אנדערע זאכן, ווערט זיין הארץ פול מיט 'הודאה' וואס איז א הכרה אז מ'האט נישט קיין אייגענע זכות און כח, און 'הלל' וואס איז א שמחה עצומה אויף דעם וואס מ'איז א איד און מ'איז דבוק בה', מ'איז א חלק פונעם עם הנבחר און אינגאנצן העכער טבע.

**אברהם יצחק:** און דער געפיל דארף אונז באגלייטן א גאנץ יאר. יישר כח, און מ'זאל האבן א ליכטיגע חנוכה.

**פונקען** / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט ז"ע

**ווי לאנג א מענטש האט נאכנישט אויסגעהארכעט תאוות האכילה, האט ער נאכנישט פארזיכט א טעם אין עבודת ה'.**

הרה"ק המגיד ממעזריטש זי"ע



# יצרו מתחדש

דער יונגערמאן איז אריין אל הקודש פנימה מיט א הארץ פול מיט תשוקה און האפענונג: "הייליגער רבי", ווענדט ער זיך צום הייליגן שפאלער זיידע זי"ע, "ווייזט מיר אן דעם אמת'ן וועג צו נתעלה ווערן אין עבודת ה'".

"עס און טרינק און טוה אלעס וואס גלוסט דיר", ענטפערט אים דער צדיק. פרעגט דער יונגערמאן, "און וואס וועט ווערן דערפון?" ענטפערט אים דער צדיק, "דעמאלטס וועסטו זיין א נבל ברשות התורה".

דער יונגערמאן הייבט אן וויינען. "רבי, זייט מיר מדריך דעם ריכטיגן וועג". ענטפערט אים דער זיידע, "הייב אן פאסטן, מאך סיגופים און גלגול שלג". פרעגט דער יונגערמאן, "און וואס וועט דעמאלטס זיין?" ענטפערט אים דער צדיק, "דעמאלטס וועסטו האבן נישט קיין עולם הזה און נישט קיין עולם הבא".

דעם יונגערמאנ'ס געוויין שטארקט זיך, "רבי, זייט מיר נישט אזוי מדחה, זייט מיר מקרב צו עבודת ה'".

"אויב אזוי, לאמיר דיר דערציילן די געשיכטע פונעם יצר הרע".

שוין צוואנציג דורות וואס ער דרייט זיך ארום די וועלט, אבער זיין ארבעט איז דערווייל אינגאנצן איבריג. די מענטשן פון אדם הראשון ביז נח, און פון אים ביז אברהם האבן געטון די ערגסטע עבירות פון זייער אייגן ווילן, זיי האבן נישט געווארט ביז דער יצר הרע האט זיי צוגערעדט דערצו. "פארוואס האט מען מיר באשאפן?" פרעגט ער דעם בורא עולם.

ענטפערט אים דער אויבערשטער, "אברהם אבינו איז נארוואס אראפגעקומען צו די וועלט - און מיט אים וועסטו האבן אסאך ארבעט".

דער יצר הרע לויפט ארויס אין איין אטעם און הייבט אן איינרישן זיינע געצייג, ער גייט זיך נעמען צו אברהם אבינו. ער שפאצירט אין אברהם'ס בארימטע געצעלט מיט די פיר טירן, אבער נאך איידער ער קען ארויסזאגן א ווארט, קומט צו אברהם מיט צוויי הענט אנגעלאדנט מיט אלע מטעמים, און ער איז אים מכבד זיך צו זעצן אונטערן בוים און עסן צו דער זעט...

דער יצר הרע שפירט נישט באקוועם צו פארזינדיגן זיין גאסטגעבער וואס האט זיך געפירט אזוי בארעמהארציג צו אים, און דעריבער קומט ער זיך ווייטער באקלאגן צום אויבערשטן אויף דעם וואס ער האט נישט געהאט קיין הצלחה מיט אברהם. "מען קויפט דיר איבער מיט א גוטן אנבייסן...?" ענטפערט אים דער בורא, "ווארט נאר אויף יצחק אבינו אנצוקומען", טוט ער אים בארואיגן.

דער בעל דבר גייט אריין ביי יצחק אין געצעלט, ער לאדנט זיך איין ווי א גאסט וואס זוכט א פלאץ צו איבערנעכטיגן, אבער ווי נאר ער האט פרובירט ארויסצוזאגן די מינדעסטע אומאויסגעהאלטענע ווארט, האט אים יצחק'ס שטעקן צע'מקל'ט און ער האט זיך געטראפן ליגן אינדרויסן מיט ברענענדיגע בושות...

ער לויפט צוריק צום אויבערשטן, דאסמאל איז ער ביטער דורכגעפאלן. ער איז מלא טענות, און דער אויבערשטער לאכט: "דו האסט מורא פאר א קלאפ...? ווארט אויף יעקב אבינו'ס אנקום - דעמאלטס וועסטו קענען".

דער יצר הרע קומט אריין צו יעקב, ווען דאסמאל האט ער שטרענג אפגעמאכט ביי זיך אז ער גייט זיך נישט לאזן פון סיי וועלכע כיבוד אדער שלעק. ער פרובירט שטעלן אן איידעלע פנים און איבערצייגן יעקב מיט זיין געשליפענעם צונג, אבער יעקב אבינו איש תם איז זיך מדבק צום מידת התמימות, ער האט זיך באהאפטן צום אויבערשטן און ער מאכט זיך ווי גלייך ער פארשטייט נישט וואס דער יצר וויל פון זיין לעבן. ער רעדט צו די וואנט...

"פארשטייסט?" ווענדט זיך דער שפאלער זיידע צום יונגערמאן, "דער יצר הרע לערנט זיך די מיטלען פון די צדיקים פונעם פריערדיגן דור, אבער די נייע צדיקים ארבעטן אויס א פרישן דרך אין וואס דער יצר הרע קען זיך נאכנישט אויס, און ער דארף ווידער קענענלערנען די מהלך אקעגן וואס ער דארף קעמפן.

"דעריבער איז נישט גענוג צו לערנען די ספרים וואס ווייזן א דרך אין עבודת ה', ווייל דער יצר הרע האט שוין דורכגעלערנט די אלע ספרים און ער איז באהאוונט אין יעדן דרך - נאר מ'דארף זיין דבוק אין א לעבעדיגער צדיק וואס איז מדריך אין עבודת ה'.

"אויף דעם שטייט אין פסוק 'אם לא תדעי לך היפה בנשים, צאי לך בעקבי הצאן' - עקבי הצאן זענען די צדיקי הדור, און דער צדיק פון יעדן דור טרעט אויס א נייעם דרך אין עבודת ה', ווייל די דרך פונעם פריערדיגן דור איז שוין באקאנט פארן יצר הרע און ער האט עצות דערויף, און אויב וועסטו היינט טון דאס וואס דער פריערדיגער דור האט געטון, האסטו גארנישט אויפגעטון".

מקור: בך יברך ישראל, מ"ח

# ליכטיגקייט ביי די ליכט

## וואספארא שייכות האט דער נס פון נצחון המלחמה מיט די מצוה פון צינדן חנוכה ליכט?

### שאלה:

פארוואס האבן חז"ל מתקן געווען די מצוות פון חנוכה לזכר דעם נס מיטן פך שמן און די מנורה. לכאורה, איז דער עיקר נס געווען די נצחון המלחמה אקעגן די יוונים, פארוואס מאכט מען דעם עיקר יו"ט לזכר די הדלקת נרות?

### תשובה:

די תשובה אין קורצן איז, די מלחמת החשמונאים מיט די יוונים איז געווען א מלחמה פון אור און חושך (ווי שפעטער ערקלערט), אזויווי חז"ל זאגן "חושך זה יון", און נישט אומזיסט איז דער נס פון די מנורה דער עיקר, ווייל דאס דריקט אויס די נצחון פון אור אויף חושך. און די רוחניות'דיגע מלחמה איז נישט געווען נאר 'אמאל', נאר ס'גייט אן ביי יעדן מענטש, און ווען ס'קומט חנוכה שיינט אט דער אור הנצחון אין אלע עולמות, א התגברות פון אור אויף חושך, און יעדער קען מקבל זיין כוחות הנפש איבערצושטארקן די אור אויף די חושך.

און יעצט לאמיר פרובירן דורכצוטון דעם ענין בעז"ה, ביז ווי ווייט די קורצע שורות וועלן ערלויבן.

## מיר זענען נישט קיין געווענליכע מענטשן

**וואס מיינט א מלחמה פון אור און חושך? וואס איז עס די חושך פון יון?**

די יוונים האבן גוזר געווען אז די אידן דארפן דערקלערן אז זיי האבן נישט קיין חלק באלקי ישראל ח"ו. וואס האבן זיי פארדינט דערפון? וואס האבן זיי געמיינט דערמיט? אפפרעגן די 'געטליכקייט' פון א איד. פאר די יוונים גייט נישט אן אז אידן זענען געלונגענע, נאבעלע, און יעדע סארט מענטשליכע מעלה. פון זייער זייט זאלן די אידן זיין דאס דערוועלטסטע פאלק פון א מענטשליכע, וועלטישע בליק. זיי ווארפן אפ איין זאך - די 'חלק אלוק' פון א איד. זיי זענען נישט מסוגל צו אנערקענען אז ס'איז פאראן עפעס העכער פון נאטור, פון מענטשהייט, עפעס געטליך, דאס האבן זיי געוואלט אויסמעקן. אבער די אידן האבן געשריגן 'מי לה' אלי', מיר געהערן צום אויבערשטן, מיר זענען אויסדריקליך נישט קיין געווענליכע מענטשן, מיר זענען נישט קיין טייל פונעם 'מין האנושי', מיר זענען 'חלק באלקי ישראל'.

**למעשה, איז דאס די מלחמה צווישן שכל און אמונה.** דער וויכוח איבער די געטליכע מציאות פון א איד קאכט זיך אויס למעשה, ווען ס'קומט צו אמונה און שכל. די אמונה פון א איד איז אן אויסדריק גראד פון די געטליכע נשמה וואס לעבט אין אים. פארוואס גלייבט א איד? נישט ווייל ער פארשטייט, ווייל עס איז מער ווי בלויז פארשטיין. אזויווי א מענטש שפירט זיין עקזיסטענץ שפירט ער מציאות ה'. ווייל ער אליינס איז א חלק אלוק ממעל, קומט אויס אז ער שפירט זיין אייגענע מציאות. אזוי אז די למעשה'דיגע אויסדריק פון 'חלק אלוק ממעל' איז, דאס אז א איד גלייבט.

**און דער יווני קען דאס נישט פארדייען.** ער טענה'ט: וויאזוי גלייבסטו?! ס'איז דאך העכער דיין פארשטאנד! ס'איז העכער דיין שכל! דו פארשטייסט עס נישט! ענטפערט אים דער איד: וואס דרייסטו א קאפ מיטן שכל? מיין אמונה איז אסאך שטערקער פון שכל! קיין שום שכל'דיגע זאך איז מיר נישט אזוי קלאר ווי די אמונה. און פון וואו שעפט א איד זיין אמונה? ווי געזאגט, פון דעם וואס ער איז אייגנטליך א 'חלק באלקי ישראל', ער שפירט און באלעבט עס אסאך שטערקער פון סיי וועלכע זאך אין די וועלט.

דא קומט פאר די מערכה. דער יווני וויל נישט מכיר זיין אין עפעס וואס איז 'העכער'. ער זעט נאר די נאטור, און פון זיין שטאנדפונקט שטעלט זיך אלעס דארט אפ. עפעס וואס ער זעט נישט און פארשטייט נישט, עקזיסטירט נישט. ער וויל נישט אנערקענען די מציאות פון 'העכער די נאטור', 'העכער די שכל'. דאקעגן א איד איז פונקט פארקערט, ער זעט נאר 'העכערס', אפילו אין דעם טבע. טאקע ווייל ער אליינס איז 'העכער', ער איז א חלק אלוק ממעל, דערפאר פארשטייט ער אז אויך די טבע ווערט פולשטענדיג געפירט דורך 'העכער טבע', און אויך דער גאנצער שכל איז בלויז א באשעפעניש פון אויבערשטן וואס ער איז אינגאנצן 'העכער דעם שכל'. אלעס איז אלקותו יתברך!

**און דאס איז א מלחמה צווישן אור און חושך.** וואס איז אור? ס'ווייזט דיר די אמת'ע מציאות אזוי ווי ס'איז. וואס איז חושך? עס פארטונקלט דיר די מציאות, עס לאזט דיר נישט זען די מציאות אזויווי ס'איז באמת. זעסט נאר חיצוניות'דיגע, פאלשע חושך. די יוונים זענען געווען איינגעזינקען אין חשכות און זיי האבן געוואלט מיטשלעפן כלל ישראל אין זייער חושך. זיי האבן נאר געזען טבע חיצוני, און זיי האבן נישט געקענט פארדייען אז דא באהאלט זיך א חלק אלקי. זיי האבן באטראכט די אידן אלס מענטשן מיט געווענליכע גופים אזויווי יעדער אנדערער מענטש, און זיי האבן גע'טענה'ט אז ס'איז נישטא קיין שום אונטערשייד צווישן איין גוף מיטן צווייטן. זיי זענען נישט געווען מסוגל אנצונעמען אז ס'איז דא עפעס טיפער.

און זה לעומת זה, די אידן זענען "נר ה' נשמת אדם", זייער נשמה איז געטליך און ס'שיינט! וואס שיינט עס? דער אור ה'! זיי זענען א חלק אלוק ממעל און דערלייכטן זיין אור. זיי דערלייכטן די אמת'ע מציאות, די פנימיות וואס באהאלט זיך אונטער די חושך. זיי שיילן אוועק דער חושכ'דיגער שלייער וואס פארדעקט אלעס, און זיי זענען מגלה אז אלעס איז מציאות ה', אלעס איז בהשגחת ה', ס'איז נישטא קיין טבע, קיין שום זאך איז נישט נאטורליך און לאגיש, אלעס ווערט געפירט דורך איין גרויסן בורא, 'ברוך שאמר והיה העולם', און מיר, וואס זענען א חלק פון אים כביכול, זענען דאס מגלה.

## א 'דאזע' פון אמונה אין זיך

אין די ימי החנוכה, האט אור מנצח געווען חושך. דער נס איז געווען א נס פון אור, און ס'איז אויך געווען א נס פון 'העכער טבע', ווען "נתת גבורים ביד חלשים ורבים ביד מעטים". ס'האט זיך ארויסגעוויזן אז השי"ת פירט אונז, 'הוא אלקינו הוא אבינו הוא גואלנו', און מיר זענען בכלל נישט געבונדן צו די נאטורליכע, לאגישע סדרי העולם, נאר מיר ווערן געפירט דורך אים, העכער די גראבע טבע וואס בלויז די פארגרעבטע אויג קען זען.

**און אזויווי דעמאלטס, איז אויך היינט.** יענע זעלבע נצחון ווערט נתעורר יעדעס יאר פונדאסניי אין די עולמות העליונים, און ס'ווערט נשפע ביז די עולמות התחתונים. ווען א איד נעמט א ליכטל, גייט צו צו דער מנורה און צינדט אן די קנויטלעך - יענע מינוט איז ער מגביר אור אין זיך, ער צינדט אן זיין נשמה אלקית אין זיך, ער פארשטערקערט עס און ער באקומט כח איבערצוקומען די חושך. ער באקומט כח איינצואווארצלען אין זיך אן אמונה אז דעם אויבערשטנ'ס מציאות איז די אמת'ע מציאות, און די גאנצע טבע לעבט פון מציאות ה', און האט נישט קיין שום אייגענע מציאות. דער טבע אליינס איז העכער טבע - און פון דא קומט די אור פון חנוכה וואס דרינגט אריין ביז למטה מעשרה טפחים אין די גרעסטע פינסטערניש.

ווען א איד זעצט זיך קעגנאיבער די מנורה - און דאס איז אויך משפיע אויפן גאנצן טאג און אזוי ארום אויף די גאנצע יאר - אז ער איז מנצח מלכות יון. און וואס איז די נצחון אז ער באלעבט אור און נישט חושך. **ער באקומט א כח צו לעבן נשמה'דיג**, אמונה'דיג. אויב ביז היינט איז די אמונה געווען א געוויסע 'ענין' ביי אים, עפעס 'אפגעטראגן', און ער האט נישט געשפירט די מציאות פון 'חלק באלקי ישראל', ער האט נישט געזען אז אלעס איז אלקותו ית'. אבער אצינד איז ער מקבל דעם כח אז די אמונה זאל זיין פעסט, קלאר, איינדייטיג, און די שטאנדהאפטיגסטע זאך אין די וועלט. און אדרבא, די גאנצע טבע הייבט אן פארלירן איר זיכערקייט און שטאנד, וויבאלד איר גאנצע עקזיסטענץ איז נאר פון מציאות ה'.

## מסירת נפש - דאס 'לעבן' פון א איד

ס'איז דא נאך א וויכטיגע פרט וואס דערויף האבן זיך די חשמונאים געשלאגן מיט די יוונים, און דאס איז "אשר הערו למות נפשם". די גאנצע מלחמה איז געווען מיט מסירת נפש. אויך דער פרט איז געווען א טייל פון די יסודות'דיגע מלחמה צווישן יון און די אידן, און אויך דער פרט ווערט געטון דורך הדלקת הנרות, וויבאלד די וועג וויאזוי א ליכטל ארבעט איז, אז די קנויטל און אויל ווערן פארניכטעט, און זייער עצם פארניכטנג שאפט א נייע, ליכטיגע מציאות - ס'ווערט איבערגעדרייט אויף א פלאם פייער. צו זאגן: ווען א מענטש איז זיך אינגאנצן מוסר נפש, ווערט ער איבערגעדרייט אויף א ליכטיגער חלק פון השי"ת.

**וואס האט מסירת נפש מיט די מלחמה צווישן אור און חושך?**

לכאורה, דער גשמיות'דיגער לעבן איז דאס שפיץ פון טבע. ווער וויל אויפגעבן זיין לעבן? און דא קומען א גרופע אידן און דעקלערן מיט א פשטות: אויב מיר קענען נישט לעבן מיטן אויבערשטן, איז אונז ליבערשט צו שטארבן. מיר דארפן נישט קיין לעבן וואס איז אפגעהאקט פון השי"ת. פון וואו שעפן זיי די שטארקקייט? די תשובה איז פשוט: **פון זייער 'חלק באלקי ישראל'.** א איד איז א חלק אלוק ממעל, זיין מציאות איז א געטליכע מציאות. ער האט נישט מורא פון טויט - וואס דעמאלטס טוט זיין געטליכע מציאות ווייטער לעבן, ער האט אסאך מער מורא פון איין סעקונדע וואס ער קען נישט באלעבן זיין געטליכע מציאות. נישט נאר וואס ער האט מורא דערפון, נאר ער איז פשוט נישט מסוגל צו לעבן אזוי. ער וועט זיך אריינווארפן אין פייער כדי נישט צו לעבן איין סעקונדע מנותק פון אויבערשטן.

**די יוונים זענען פונקט פארקערט.** זיי באטראכטן זיך אלס א מציאות נפרדת, אן אייגענע ישות וואס וויל זיך אויסשפרייטן און מצליח זיין. מסירת נפש איז פון זייער שטאנדפונקט די אוממעגליכסטע זאך, וויבאלד זייער מציאות באשטייט בלויז פון א טבעית'דיגע מציאות. דאקעגן ביי די אידן, וואס נאר השי"ת איז זייער מציאות, זיי זענען אינגאנצן בטל און נכלל אין מציאות ה'. לעבן אן דעם אויבערשטן הייסט נישט קיין לעבן. שטארבן כדי נישט צו לעבן אפגעהאקט פון אויבערשטן - דאס הייסט לעבן.

**און די פעולה טוען מיר ביים אנצינדן די נרות:** פארניכטן די קנויטל - און עס איבערדרייען אויף אור. די קנויטל איז דער גוף, און מיר זענען זיך מבטל און געבן זיך איבער, און דערביי ווערן מיר איבערגעדרייט אויף א ליכטיגער חלק פון השי"ת.

דאס אלעס געשעט בשעת הדלקת נרות חנוכה, 'ותן לחכם ויחכם' דורכצולערנען ספרים הק' און דערביי פארשטיין, אז אלע פרטים ביי הדלקת נרות חנוכה זענען מרמז דעם יסוד, ווען א 'מעט מן האור' איז 'דוחה הרבה מן החושך', און ס'ווערט נתגלה אור ה' אקעגן די חיצוניות'דיגע חושך פון יון.

**א ליכטיגער חנוכה!**

אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, אזוי אויך אויף אלע פרטים איבערן גליון
רופט אין מאנסי: 347.452.3118 אין וויליאמסבורג: 347.768.3577 אין בארא פארק: 347.520.8743
אימעיל DD0722531385@gmail.com | תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483